**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 'מייקראָו-לאָון' הלוואות דא צו באקומען דורך די 55.5 מיליאן דאלארדיגע 'קליינע ביזנעס ריוואַלווינג לאָון קאסע 2'

***פארברייטערטער פראגראם פארטיילט דורך די פעדעראלע סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אינציאטיוו צו צושטעלן קורץ-טערמיניגע הלוואות און אדרעסירן אומגלייכע צוטריט צו פינאנצירונג געלטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט איז די פארברייטערטע 55.5 מיליאן דאלארדיגע 'קליינע ביזנעס ריוואַלווינג לאָון קאסע 2' (Small Business Revolving Loan Fund 2) איז יעצט אפן צו צושטעלן קורץ-טערמיניגע 'מייקראָו-לאָון' הלוואות און געהעריגע הלוואות כדי צו אדרעסירן אומגלייכע צוטריט צו פינאנצירונג געלטער דורכן פארמאכן די פינאנצירונג לעכער וואס שטייען אין וועג פון נייע פירמעס, פון קאמיוניטיס וואס האבן נישט גענוג באנקירונג סערוויסעס און פון קליינע ביזנעסער. זייענדיג א חלק פון ניו יארק'ס ברייטערע סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אינציאטיוו (Small Business Credit Initiative) באמיאונגען וואס ווערן אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט — וועט דער פארברייטערטער פראגראם איינוצן הלוואה געלטער צו טרייבן פאר עקאנאמישע אקטיוויטעט דורכן פארברייטערן צוטריט צו קורץ-טערמיניגע הלוואה געלטער פאר קליינע און 'מייקראָו' ביזנעסער און פאר אזעלכע אין אייגנטום פון מענטשן וואס קומען פון א גזעלשאפטליך- אדער עקאנאמיש-שוואכערע הונטערגרונט וועלכע פלעגן זיך אנגעשטויסן אין שטרויכלונגען ביים פרובירן צו באקומען קרעדיט אדער צופרידנשטעלנדע הלוואה באדינגונגען. דאס בויט ארויף אויף די הצלחה פון די ערשטע רונדע פון די קליינע ביזנעס ריוואַלווינג לאָון קאסע וואס האט זיך געעפנט אין 2010 מיט 25 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וואס איז אנגעקומען צו 280 מיליאן דאלאר אין הלוואות ארויסגעגעבן פאר קליינע ביזנעסער.

"אכט און ניינציג פראצענט פון ניו יארק'ס ביזנעסער האבן ווייניגער פון 100 ארבייטער, און זיי זענען א הויפט טרייב קראפט פאר אונזער עקאנאמישע וואוקס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די קליינע ביזנעס ריוואַלווינג לאָון קאסע 2 וועט פארשטערקערן די קליינע ביזנעסער, באזונדערס אונזערע ביזנעספרויען און מינאריטעט ביזנעסלייט, און עס וועט העלפן אויפבויען די עקאנאמיע פון די צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "ווען אונזערע קליינע ביזנעסער זענען מצליח, זענען אונזערע קאמיוניטיס מצליח. די קליינע ביזנעס ריוואַלווינג לאָון קאסע 2 וועט שטיצן אונזערע קליינע ביזנעסער דורכן צושטעלן די געלטער צו העלפן ביזנעסער בליהען, שאפן דזשאבס און מאכן וואקסן ניו יארק'ס עקנאמיע, יעצט און פאר די צוקונפט."

קליינע ביזנעסער קענען אפלייען פאר א הלוואה דורך א באטייליגטע 'קאמיוניטי אנטוויקלונג פינאנציעלע אינסטיטוציע' (Community Development Financial Institution, CDFI). די הלוואה קערפערשאפטן פון דעם פראגראם נוצן די געלטער פון דעם פראגראם צוזאמען מיט 'מעטשינג' סומעס פון אנדערע מקורות צו נאך מער פארגרעסערן די געלטער וואס זענען צו פארבארגן פאר קליינע

ביזנעסער. טיפּישע צוועקן פון די הלוואות זענען פאר ביזנעס אויפהאלטונג קאסטן, צו איינקויפן און/אדער פארבעסערן שטחים, איינקויפן מאשינעריי און עקוויפמענט און אין געוויסע פעלער — אלץ א 'ריפייננענסינג' פון אלטע חובות.

'מייקראָו-לאָונס' (הלוואות צווישן $500 און $25,000) און געהעריגע הלוואות (אפט אזוי גרויס ווי $250,000 אדער מער, געוואנדן אויף די פארבארגנדע קערפערשאפט) זענען דא צו באקומען מיט באדינגונגען וועלכע זענען באזירט אויף די ספעציפישע סארטן הלוואות וואס יעדע קערפערשאפט אפפערט.

די קערפערשאפטן וועלכע פארבארגן די פראגראם געלטער זענען די הויפט פלאץ פאר בארגער זיך צו ווענדן, און יעדע קערפערשאפט האט זייער אייגענע הלוואה אפליקאציע פראצעדור און זייערע אייגענע סארטן הלוואות. די אינטערעסט ראטעס, באדינגונגען און צוצאלונגען ווערן באשטימט באזונדער דורך יעדע פארבארגנדע קערפערשאפט אונטער דעם פראגראם. די פארבארגנדע קערפערשאפטן זענען פאראנטווארטליך פאר אפליקאציעס און צו מאכן קרעדיט באשלוסן.

די אנטיילנעמנדע הלוואה קערפערשאפטן פאר דעם פראגראם זענען:

**Adirondack Economic Development Corporation:** $1,000,000
*סערווירט לאקאציעס: עסעקס, פרענקלין, העמילטאן, דזשעפערסאן, לואיס, סעינט לאורענס, פולטאָן, הערקימער, אניידע, אסוויגאָו, סאראטאָגע,ווארען, וואשינגטאן קאונטיס*

**BOC Capital Corp.:** $2,000,000
*סערווירט לאקאציעס: קווינס, קינגס, ריטשמאָנד, ניו יארק, בראנקס, וועסטשעסטער, סופאָלק און נעסאו קאונטיס*

**Harlem Entrepreneurial Fund:** $1,500,000
*סערווירט לאקאציעס: קווינס, קינגס, ניו יארק און בראנקס קאונטיס*

**NYBDC (dba Pursuit Lending):** $3,000,000
*סערווירט לאקאציעס:* די גאנצע סטעיט – אלע קאונטיס

**NYBDC Local Development Corporation (dba Pursuit Lending):** $3,000,000
*סערווירט לאקאציעס: די גאנצע סטעיט – אלע קאונטיס*

**Renaissance Economic Development Corporation:** $4,000,000
*סערווירט לאקאציעס: בראנקס, קינגס, ניו יארק, קווינס, ריטשמאָנד, נעסאו, סופאָלק דאָטשעס, אראנדזש, פאָטנעם, ראקלענד, סאָליוועו, אָלסטער און וועסטשעסטער קאונטיס*

**Syracuse Cooperative Federal Credit Union:** $500,000
*סערווירט לאקאציעס: קאַיוגע, קאָרטלאנד, מעדיסאן, אָנאָנדאַגא און אסוויגאָו קאונטיס*

**TruFund Financial Services:** $3,000,000
*סערווירט לאקאציעס: קווינס, קינגס, ריטשמאָנד, ניו יארק, בראנקס, וועסטשעסטער, סופאָלק, נעסאו קאונטיס*

**Washington Heights and Inwood Development Corporation:** $100,000

*סערווירט לאקאציעס: צפון מאנהעטן וואס רעכנט אריין וואשינגטאן הייטס, אינוואוד און מערב בראנקס אין ניו יארק און בראנקס קאונטיס*

נאך הלוואה קערפערשאפטן זענען ערווארטעט זיך צו איינשרייבן דורכאויס הערבסט פון 2023.

**סטעיט סענאטאר שאָן מ. רייען האט געזאגט,** "היימיש-געוואקסענע ביזנעסער זענען קריטיש פאר די הצלחה פון ניו יארק'ס עקאנאמיע, און דערפאר איז דאס וויכטיג אז מיר זאלן כסדר זיין קאנצענטרירט צו עפענען און פינאנצירן פראגראמען וועלכע מאכן א פריינטליכערע קלימאט פאר די וועלכע מאכן דא ביזנעס. נישט גלייכע צוטריט צו הלוואות קען דאס אפט פארשווערן פאר אזעלכע וועלכע ווילן ווערן ביזנעסלייט צו אוועקשטעלן און אויפהאלטן קליינע ביזנעסער. דורכן פארמאכן די לאך, וועט די קאסע אוועקנעמען א גרויסע שטער פון צוקונפטיגע קליינע ביזנעס אייגנטימער, שאפן נייע דזשאבס און פארשנעלערן עקאנאמישע וואוקס אריבער די סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד הערי ב. בראנסאן האט געזאגט,** "קליינע ביזנעסער זענען די רוקן ביין פון אונזער עקאנאמיע. צוקומען צו פינאנצירונג פאר רענאוואציעס, צו אויפנעמען ארבייטער, האלטן ארבייטער פון אוועקגיין און צו קענען וואקסן איז אפט געווען א גערانגל. די קליינע ביזנעס ריוואַלווינג לאָון קאסע טוישט דאס דורכן אפפערן בויגזאמע פינאנצירונג פאר אונזער וואקסנדע גרופע פון קליינע ביזנעסלייט. דאס וועט העלפן ניו יארק סטעיט אנטוויקלען א מער גלייכע, פארשידנארטיגע און סטאבילע עקאנאמיע וואו קליינע ביזנעסער פון אלע סארטן קענען בליהען אויף די אייגענע פיס."

**איבער די סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט איניציאטיוו**

מער פון 500 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג איז שוין צוגעטיילט געווארן צו שטיצן די ווידער-אויפשטייג פון קליינע ביזנעסער אריבער ניו יארק סטעיט דורך די 'סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט איניציאטיוו' (Small Business Credit Initiative, SSBCI) א פראגראם ערמעגליכט דורך דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן געזעץ' (American Rescue Plan Act). די SSBCI, אונטער אויפזיכט פון די פאראייניגטע שטאטן טרעזשורי דעפארטמענט, שטעלט צו געלטער צו שטיצן פראגראמען פאר קליינע ביזנעסער, אריינרעכנענדיג [ביזנעסער אין אייגנטום פון געזעלשאפטליך- און עקאנאמיש-שוואכערע מענטשן (socially and economically disadvantaged individual, SEDI)](#) און גאר קליינע ביזנעסער (very small businesses, VSB)זיך צו ערהוילן פון די עקאנאמישע נאכוויען פון קאוויד-19 און זיי צו גיבן די געלעגנהייט צו מצליח זיין אין די עקאנאמיע ארויסקומענדיג פון די פאנדעמיע. מיט די געלטער האט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) אהערגעשטעלט א רייע פון אינוועסטירונג געלטער צוטריט און גלייכקייט פראגראמען צו ארויסהעלפן ניו יארק סטעיט קליינע ביזנעסער צו וואקסן און מצליח זיין. לערנט איבער די פאלגנדע SSBCI פראגראמען וועלכע עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט האט אויפגעשטעלט אויף [esd.ny.gov/ssbci](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן